STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05146

# DOS FOLK FUNM SEYFER

Mark Schweid

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Dr. Daniel Gold*
*in memory of*
*Mr. & Mrs. Jacob Wirth and Mr. & Mrs. Harry Gold*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארק שווייד

# דאס פאלק פונם ספר

פארלאג אידישע וועלט
פילאדעלפיע
1930

ביכער פון מארק שווייד:

פּ אָ ע ז י ע

בורשטינענע שיסלען — 1922

צו גאָט און צו לייט — 1925

כ'וועל מאכן טיי — 1929

ע ס י י

מיט פּרץ'ן — 1924

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי:

דערנידעריגטע און באליידיגטע

צוויי בענדער.

ישראל זאנגוויל:

טרוימערס פונ'ם געטאָ

צוויי בענדער.

פון נעפּל טויכן־אויף די ערשטע האַרדעס,
ווי אַריער ווילד, מיט הונגער אין די מאַרדעס,
מיט בלייכע פּנים׳ער און שוואַרצע בערד.
ס׳גייט־אויף דאָס ערשטע שפּינוועבס פון לעגענדע,
אַז בלויז אַן איינהייט פירט די גאַרע גרענדע.
דערווייל בלויז פויערים וואָס ווילן ערד,

און פּאַסטוכער. און ס׳ווערן שאָף און רינדער
אַלצאיינס געציילט ווי מאַן און ווייב און קינדער;
ס׳גייט אַלץ אין צאָלן; איינער בלויז — דער האַר.
אַנשטאַט אַלימפּ מיט זינגענדיגע געטער —
דעם סיני׳ס ספר — שטיינערנע צוויי בלעטער,
ווערט שרעק דער גלויבן און מען לויבט דערפאַר.

מען נעמט געזעצן אָן, אין בראַנד געציילטע,
און טיפער גלויבט מען אַז מ׳איז אויסדערווײלטע,
אַ ציר אין ראַם פון פעלקער איינגעפּאַסט;
זיין הייליגקייט באַשיצט פאַר איהם מיט שפּיזן,
גלייך פאַלקס־באַפרייער זענען זיינע ריזן,
און איצט איז קלאָר, אַז ער איז בלויז די לאַסט.

ווי הייליג נעכטן שטייט, נישט אומצואוואָרפן:
אויף ווערבעס הענגען די פארשטומטע האַרפן,
דעם כוס זכרונות טרינקט מען מיט דער שוים.
און ווען דער טרויער הויבט שוין אָן פאַרשעמען —
מיט בלויז אַ שוואַכער שווערד, אַליין, פאַר וועמען
מיט בלויז אַ נס האָט מען געפּאַכטן רוים?

פאַרטאָג, ווען נעפּלען נעמען זיך צוקריכן,
באַקליידט אין קלייד און שטייגער פון די גריכן,
איז נישט דער גוף אַליין אין פרעמד געוואַנט,
נאָר אויך די זעל, אַ בלינדע, ווי אַ סאָווע
אין מיטן טאָג, און וויינט ביינאַכט: יעהאָווע!
און ס'קלאָגט די לינקע אויף דער רעכטער האַנט.

דאָס אייביק שטאַרקסטע איז די צאָל, איז איינער.
מעג יעדער אָפּגאָט שטאַרקער זיין, קען קיינער
נישט ביישטיין א י ם, צוזאַמען צי אַליין.
דאָך הערשט ווירוואַר, מען קען זיך נישט געפינען,
טייל מחנות בלייבן, אַנדערע אַנטרינען,
און ער בלייבט ער, מעגסט יאָ צי נישט פאַרשטיין.

ווען בבל האָט געגרינט שוין און גערויזנט,
און זרבבל׳ס צווייאונפערציג טויזנט
מיט בויערקראַפט אַריבער שוין דעם פרת,
האָט טיף אין שווערן בלוט מיר אויפגעוואַכט
אַ גלויבן: טיר און טויער אויפגעמאַכט,
אָן צוים דער גייסט, ווען גוף אָן יאָך און שלאָס.

איין דורשט בלויז האָט געטרוקנט מיר דעם גומען:
דער אַנהויב פון דער ליכטיגקייט זאָל קומען
און בלייבן מיט די אויסדערוויילטע זין,
מיט די וואָס קומען בויען און פאַרפלאַנצן,
וואָס צינדן די נשמות אָן, אינגאַנצן
פאַר אים, וואָס ער אַליין ווייסט דעם וואוהין.

נאָר בוי אַ נייעם הימל און באַוואוין אים,
ווען קריכנדיגע פלאַנצן פון שומרונים
דערקריכן צום גריזים. אַלץ איז קליין:
זיך נאָכאַמאָל אין יאָך פון גייסט פאַרשפאַנען;
און אויפלייכט: נאָך אַ קריגל אייל פאַראַנען —
און ווידער אין דער פינצטערניש אַליין.

אין טיפער פינצטערניש, אויף וויסטע וועגן,
עקשנות בליענדיג פון טרערן־רעגן,
און יעדער שליאך מיט שפּיז פון קרייץ פארשטעלט,
האט שטום זיין לאסט באשווערט די מידע אקסן,
די ביטערקייט ווי קראפּיווע געוואקסן,
און ביסלאכווייז פארשפּרייטן מיר די וועלט.

אזוי ווי נאך ביים אפּגרונט פון די צייטן,
ווען קיינער קען נישט זען וואס ס'קען באטייטן
די גלוסטונג צו א זיבן־שלייער־טאנץ, —
ווי טיפּוס־פלעקן לאזן זיך דערקענען, —
האט אונז דער גאלדגעץ אנגעהויבן ברענען,
די שאנד פון קאליגולא'ס אראגאנץ.

און ווער קען אויף דער ערד א בראנד פארמיידן,
ווען ס'ברענען די שטורקאצן פון די היידן,
און דער וואס גלויבט איז בלויז א בוים אין וואלד;
די וועלדער ברענען און די וועלט גייט־איבער,
פון טאלן ווערן בערג, פון טייכן גריבער:
אין ערדיש בלוט פאררינט דיין גאט'ס געשטאלט.

ער קען די פיין פאר אים אונז נישט פארגעלטן.
ס'האט בראנד פארלענדט די הייליגע געצעלטן,
און אלץ פארנידעריגט ביז אש און זומפּ.
טיילמאל נאך אויפגעפלאמט וואו ביי א בויער
א האלאוועשקע פון צוגליטן טרויער,
דערנאך ליגט שווערד און אקעראייזן שטומפּ.

דער פויער בענקט נאך ערד, נאך שאף — דער שעפער;
נאר אקער, פלאנץ און פאשע — מיט א ספר;
בוי־אויף די טאט, ווען ער איז בלויז דאסווארט.
דער יאג־הונט שרעק האט אונז געמאכט סמנים,
דאָס אקעראייזן — צייט — געקארבט דאס פנים,
איז פרייד געווארן — וואנדל אנשטאט ארט.

דער הייד דער מלך קען די האַנט נישט שטארקען,
און, וועלוועלער פון פערד אויף שקלאפן־מארקן,
איז שווער די זעל געזונקען צו דער ערד.
בלויז טיפע ווערטער אנשטאט פלאכע לאנען,
און פרייד און זיכערקייט, אז ס'איז פאראנען
אן אויג וואס זעהט אלץ, און אן אויער הערט.

דאָס ספר! קען א בלאט דערפון פארטייטשן
דעם פלוס פון צייט, דעם סווישטש פון בייטשן,
דעם טיגער'ס קראפט, די הייליגקייט פון טראכט?
צי בליט א ספר פריליגג, וועלקט סוף זומער,
און ס'ווייסט וואס ס'זעט דער בלינדער, טראכט דער שטומער,
און בלוטיגט אומשולד, וויינט א ספר? לאכט?

דאס ספר! הייליגקייט און וואנזין רינען
אין רינשטאק צייט, און ס'איז נישט צו געפינען
קיין פאלק, קיין קיסר אדער פראסטן מאן,
וואס זאל זיך זינגענדיג אליין באלאסטן
מיט לאסט פון ליכט פאר בלאנדזשענדיגע מאסטן
פאר ווער ווייסט וואסער וועגסיז ווייטן שפאן.

בלויז איך און דו, מיר אייביג גרויסע־קליינע,
ווי הלל לויטערע און הייליג ריינע,
דורך ים און בראנד מיט אים פון ארט צו ארט:
אמאל ווי פאקנטרעגער פאר זיין נאמען,
און אפט ווי מבול־טויבן פירן זאמען,
פארגלויבט: ס'וועט ערגיץ אנקומען זיין ווארט.

אזוי דור איין דור אוים, אין בלייכע מאסן
דורך וואלד און פעלד און ענגע געסאגאסן,
דעם חלום אין די אויגן איינגעפאסט
ביי בלייכע קינדער פון געיאגטע טאטעס
מיט בערד, אין קאפטאנעס מיט געלע לאטעס,
הכנעה'דיג צי שטאלץ — אלצאיינס געהאסט.

און קיין שום כשוף־רענדל קען נישט קויפן
דעם אויפשטייג צום געברען פון שייטערהויפן,
ווען אברים ברענען און דער גלויבן לעבט,
ווען גלויבן לייכט אין פינצטערניש פון היילן,
וואו שרעק־פארשטומטע זיצן און דערציילן
דעם נס פון צייט, וואס זיצט ביים שטול און וועבט

א שטערן־דעקטוך פארן ווייטן מארגן;
ווען יעדער פרייט זיך, קיינער וועט נישט זארגן
וואס ס'קען נאך ווערן פון דער שפעטער וועלט.
אזוי דור איין דור אוים מיט טיפן גלויבן,
אז פלוצלונג וועט די מענשהייט זיך דערהויבן
און שטעלן זיך וואו גאט האט זי געשטעלט.

און נאך די לאנגע שטיינערדיגע וועגן,
אליין ביים לעצטן שיידוועג, וועמען פרעגן
דעם וועג, און וועלכן וועג, וואס פירט וואוהין?
אז מיר אליין די זוכער, מיר די בויער,
און מיר די שליסער פונ׳ם לעצטן טויער
פון שלאס, וואו פרייד אליין נאך האט א זין.

נאר אייביג בלייבט דאס טיפסטע אן א נאָמען,
ס׳רינט בארג־ארויף דאס בלוט פון אונזער זאמען
און ווערט א שטראל פון יענעם קלארן ליכט,
וואס וואנדלט אין דער לויטערקייט פון קרייזן,
פון וועלכע ס׳קען זיך אונז נאך ער באווייזן,
און פרייד זאל לייכטן פון זיין אנגעזיכט.

ארויף, ארויף דורך נעפלען, שניי און האגלען,
מיט לעצטע טראפענס אין די דארע לאגלען,
פארשמאכטע גומענס בלויז געטרייסט מיט רייד;
און כאטש אין ערגיץ לייכט נישט אויף קיין צייכן,
וועט עמיץ דאך דעם טורעם נאך דערגרייכן,
וואו ס׳מיניעט צער פארוואנדלטער אין פרייד.

א. הירש דרוקעריי
פילאדעלפיא